**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/9/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 49 מיליאן דאלארדיגע ביליגע און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין יאנקערס

***Landy Court קומט מיט 80 אפארטמענטס פאר צוגענגליכע פרייזן, אריינרעכענעדיג 48 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר געוועזענע היימלאזע ערוואקסענע***

***דעוועלאפמענט ערזעצט ליידיגע שטח און פארלאזטע געביידעס נעבן די שטאט צענטער מיט זיבן-שטאקיגע וואוינונגען געביידע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 49 מיליאן דאלארדיגע האוזינג דעוועלאפמענט וואס וועט ברענגען 80 נייע אפארטמענטס פאר צוגענגליכע פרייזן צו יאנקערס'ס שטאט צענטער. Landy Court – א זיבן-שטאקיגע געביידע אויפגעשטעלט אויף School Street – וועט אריינרעכענען היימער וועלכע זענען אוועקגעלייגט פאר איינוואוינער וועלכע זענען בעפאר דעם געווען היימלאז און וועלן האבן צוטריט צו אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס.

"אזוי ווי מיר ארבעטן צו באקעמפן היימלאזיגקייט און צושטעלן האוזינג סטאביליטעט פאר אלע ניו יארקער, איז עס קריטיש אז מיר זאלן פארברייטערן צוטריט צו שטיצנדע האוזינג און הויכע-קוואליטעט עלטקעיר", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער אינוועסטירונג אין Landy Court וועט גיבן פאר 48 מענטשן און פאמיליעס די אויפן-ארטיגע קעיר און סערוויסעס וואס זיי דארפן צו קענען בליהען. דורכן שאפן נייע ביליגע האוזינג אפציעס אין יאנקערס'ס שטאט צענטער, וועלן מיר פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פון אונזערע שוואכסטע שכנים און פארשטערקערן די קאמיוניטי וואס זיי רופן זייער היים."

Landy Court איז טייל פון גאווערנער האקול'ס ברייטע פלענער צו מאכן האוזינג מער גרינג זיך צו ערלויבן, יושר'דיג און סטאביל. אין די לעצטנס דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט האט די גאווערנער ערפאלגרייך אריינגעלייגט א נייע 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע, ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט פארמערן די האוזינג סופליי דורכן בויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן איבער גאנץ ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. אלץ טייל פון דעם פלאן האט די גאווערנער אונטערגעשריבן די וואך נייע געזעצן צו העלפן איסנוצן פארלאזטע האטעל שטחים צו ווערן איבערגעבויט אלץ האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן פאר נידעריגע-איינקונפט און געוועזענע היימלאזע ניו יארקער.

Landy Court באשטייט פון 80 אפארטמענטס פאר משפחות וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income). די School Street לאקאציע איז פון פאראויס באשטאנען פון דריי שטחים מיט ליידיגע געביידעס וועלכע זענען אראפגעווארפן געווארן.

איינוואוינער פון די שטיצנדע אפארטמענטס וועלן באקומען סערוויסעס צוגעשטעלט דורך St. Joseph's Medical Center. די סערוויסעס רעכענען אריין אינדיווידועלע קעיס מענעדזשמענט, בילדונג סערוויסעס, הילף מיט באשעפטיגונג, פסיכיאטרישע און אויפפירונג געזונטהייט קאארדינאציע און דראג אביוז שטיצע, צוזאמען מיט סערוויסעס צו ווייטער שיקן מענטשן צו די שפיטאל'ס ברייטע רייע פון פראגראמען אין זייער נעטווארק.

איינריכטונגען פאר די איינוואוינער אין די געביידע רעכענען אריין א קאמיוניטי צימער מיט א קיך, אפיסעס פאר שטאב מיטגלידער, אן איבונגען צימער, א לייברערי, מאשינען צו וואשן וועש און א גארטן אויפן דאך. די דעוועלאפמענט רעכנט אויך אריין 2,200 סקווער פיס פאר סאָושעל סערוויסעס אפיס שטח צו גענוצט ווערן דורך St. Joseph's און 34 פארקינג פלעצער.

Landy Court געפונט זיך נאענט צו געשעפטן, רעסטוראנטן, באס ליניעס, פארקס, שטאטישע סערוויסעס און די St. Joseph's הויפט שפיטאל קאמפוס.

סטעיט פינאנצירונג פאר די 49 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט רעכנט אריין 15.1 מיליאן דאלאר אין פערמאנענטע טעקס-עקזעמפט באנדס, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט טעקס קרעדיטס וועלכע האבן אויפגעטריבן 17.2 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 10.7 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR). די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance) האט צוגעשטעלט 2.8 מיליאן דאלאר דורך די היימלאזע האוזינג הילף פראגראם ( Homeless Housing Assistance Program). די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט ( Office of Mental Health, OMH) האט צוגעשטעלט פינאנצירונג פאר קאנסטרוקציע און $345,000 אין פראגראם אנטוויקלונג גרענט (Program Development Grant) פינאנצירונג צו אויסצאלן קאסטן פאר די אנהויב ווי צוםביישפיל מעבל, רעקרוטירן שטאב מיטגלידער און זיי טרענירן.

די OMH האט אויך צוגעשטעלט פינאנצירונג פאר רענטעל סאבסידיס און שטיצנדע סערוויסעס. די דעוועלאפמענט מאנשאפט איז באשטאנען פון St. Joseph's Medical Center און Concern Housing, Inc.

**היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "אין די לעצטע צען יאר האט די HCR אינוועסטירט איבער 462 מיליאן דאלאר צו בויען און אויפהאלטן 3,500 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אין יאנקערס. די 49 מיליאן דאלארדיגע Landy Court בויט ארויף אויף די סוקסעס מיט נאך 80 אפארטמענטס, אריינרעכענענדיג 48 מיט אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס. צוזאמען מיט אונזערע שותפים, St. Joseph's Medical Center און Concern Housing, Inc., העלפן מיר איינוואוינער בויען סטאבילע און סוקסעספולע לעבנס אין א מאדערנע געביידע מיט גרינגע צוטריט צו טראנספארטאציע און סערוויסעס. די דעוועלאפמענט ווייזט ארויס וויאזוי מיר קענען באקעמפן היימלאזיגקייט און האוזינג אומזיכערהייט בשעת'ן האלטן אונזערע שטאט צענטערן בליהענדיג. מיינע הערצליכע וואונטשן צו יעדער וואס האט געשפילט א ראלע אינעם ברענגען די דעוועלאפמענט צו יאנקערס."

**OMH קאמישאנער דר. ען סאָליוואן האט געזאגט,** "Landy Court וועט גיבן פאר מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקייטן די אויפן-ארטיגע סערוויסעס און די זיכערע און סטאבילע היימער וואס זיי דארפן צו לעבן פולע און פראדוקטיווע לעבנס אין זייערע אייגענע קאמיוניטיס. דאס איז א געוואלדיגע צוגאב צו יאנקערס'ס שטאט צענטער און נאך א ביישפיל פון גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו

העלפן שוואכערע ניו יארקער, און מיר ביי די OMH זענען שטאלץ צו האבן געשפילט א ראלע אין די קאנסטרוקציע דערפון."

**סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער דעניעל וו. טיעטץ האט געזאגט,** "שטיצנדע האוזינג שפילט א קריטישע ראלע אינעם פארזיכערן לאנג-טערמיניגע האוזינג סטאביליטעט פאר פילע וועלכע זענען אריבערגעגאנגען היימלאזיגקייט. Landy Court שטעלט צו פערמאנענטע האוזינג צוזאמען מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר ערוואקסענע מיט ערנסטע גייסטישע געזונט פראבלעמען, בשעת'ן אויך ברענגען א באנייטע גייסט פון לעבן צו א סיטי בלאק וואס איז בעפאר דעם באדעקט געווען מיט ליידיגע צופאלענע געביידעס. דער פראיעקט – פונקט ווי פילע אנדערע וועלכע ווערן געשטיצט דורך די היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם – ווייזט ווייטער ארויס גאווערנער האקול'ס אנטשלאסענע איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו זיכערע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן."

**יאנקערס מעיאר מייק ספענאָו האט געזאגט,** "מיינע הערצליכע וואונטשן צו St. Joseph's Medical Center פארן אויספלאנירן און פארענדיגן די וואונדערבארע צוגאב צו אונזער סיטי'ס האוזינג סופליי. St. Joseph's איז שוין פון לאנג א פונדאמענט שטיין פון אונזער קאמיוניטי, און דער פראיעקט ווייזט ארויס זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו די באדערפענישן פון אונזערע איינוואוינער, צושטעלנדיג נייע, הויכע-קוואליטעט האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן."

**אסעמבלימאן נעידער סעיעג האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר אלע יאנקערס איינוואוינער צו וואוינען אין זיכערע און בליהענדע געגנטער פאר פרייזן וואס זיי קענען זיך ערלויבן, און דערפאר האב איך געשטימט פאר ניו יארק סטעיט'ס 5-יאריגע פלאן צו צולייגן 100,000 האוזינג יוניטס פאר צוגענגליכע פרייזן. ארבעטנדיג צוזאמען מיט סטעיט און לאקאלע רעגירונג, קאמיוניטי ארגאניזאציעס און דעוועלאפערס, קענען מיר זיך פארמעסטן מיט די האוזינג קריזיס און מאכן אונזער סיטי א פלאץ וואס איז גרינגער פאר יעדן זיך צו ערלויבן צו וואוינען."

**סטעיט סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוערט-קאָזינס האט געזאגט,** "די נאמען פון די דעוועלאפמענט איז א געוואלדיגע און פאסיגע עהרע פאר דזשים לענדי און אלע זיינע באמיאונגען צו בויען האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן אין יאנקערס אין זיינע ראלעס אלץ טשערמאן פון די מוניציפאלע האוזינג אויטאריטעט פאר יאנקערס סיטי (Municipal Housing Authority for the City of Yonkers) און טשערמאן פון St. Joseph's Medical Center. Landy Court איז אן אייגנארטיגע און מאדערנע דעוועלאפמענט וואס וועט נישט נאר צושטעלן זיכערע און ביליגע האוזינג פאר די וועלכע וועלן וואוינען דארט, נאר עס וועט אויך צושטעלן רענט סאבסידיס און אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס פאר 48 געוועזענע היימלאזע ערוואקסענע. די גאנצע קאמיוניטי בענעפיטירט ווען שותפות'ן ווי די צווישן St. Joseph's Medical Center, Concern Housing, Inc., די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט, אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף און היימער און קאמיוניטי רינואל עקזיסטירן. איך פארשטיי ווי קריטיש האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן איז, און דערפאר האב איך געלייגט די פינאנצירונג פאר די אגענטורן אלץ א הויפט פריאריטעט."

**קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאטימער האט געזאגט,** "וועסטשעסטער קאונטי איז פרייליך צו האבן געשפילט א טייל אין דאס איבערבויען די ליידיגע געביידעס אויף School Street אין יאנקערס וואס וועט יעצט צושטעלן 80 יוניטס פון האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן פאר פאמיליעס, און 48 געאייגנט פאר ערוואקסענע וועלכע מוטשענען זיך מיט היימלאזיגקייט. דאס פארענדיגונג פון Landy Court לייגט צו צו אונזער מיסיע צו בויען און אויפהאלטן האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן אין וועסטשעסטער, בשעת'ן צושטעלן די נויטיגע שטיצע סערוויסעס און העלפן ווידער אויפלעבן די יאנקערס קאמיוניטי."

**Saint Joseph's Medical Center פרעזידענט און CEO מייקעל ספייסער האט געזאגט,** "Saint Joseph's ביליגע און שטיצנדע האוזינג ענטפערט אויף א באדייטנדע נויט אין אונזער קאמיוניטי. די 32 האוזינג יוניטס פאר צוגענגליכע פרייזן שטעלן צו א ציהענדע, נייע פערמאנענטע פלאץ צו וואוינען פאר לאקאלע איינצלנע מענטשן און פאמיליעס וועלכע קומען נאך די קוואליפיקאציעס. די 48 שטיצנדע אפארטמענטס וועלן נאכקומען די באדערפענישן פון די מענטשן וועלכע האבן ארויסגעוויזן די מעגליכקייט צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט אין די קאמיוניטי מיט אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס. דער פראגראם איז אויסגעשטעלט צו אפפערן שטיצע און הילף פאר מענטשן צו אנהאלטן צו טאג-טעגליכע לעבנ'ס סקילס און זיך ערפאלגרייך איינגלידערן אין די קאמיוניטי. די געביידע איז א נאמען געגעבן געווארן Landy Court נאך דזשעימס דזש. לענדי, דער טשעירמאן פון אונזער באָורד און לאנגיאריגע שטיצער פון האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418